# די געפֿערלעכסטע שוועמלעך אין שוועדן!



## סטאָפּ!

- רײַסט נישט קיין שוועמלעך ענלעכע צו די וואָס אין דער בראָשור!
- נעמט נאָר אַזעלכע שוועמלעך וואָס איר דערקענט אויף זיכער!
- פֿאַרזוכט נישט! אַ גיפֿטיק שוועמל קען אַ מאָל אויך האָבן אַ גוטן טעם!
- לאָזט רייניקן דאָס שוועמל נאָר דורך אַ דערוואַקסענעם וואָס קען זיך אויס אין שוועמלעך!
- שאַפֿט זיך אײַן אַ מאָדערן שוועמלעכבוך!

**קלינגט אָן אויפֿן נומער 112 בײַ די פאַרסאַמונג**
**פארגעקומען און בעטן**
**24 Giftinformation שעה אַ מעת־לעת.**
**אין ווייניקער דרינגענדיקע פֿאַלן 010-4566700.**
**www.gic.se**

**די דרײַ מינים האָבן געפֿלעקטע היטלעך. אָבער די פֿלעקן קענען גרינג פֿאַרשווינדן, אין גאַנצן אָדער בלויז צום טייל.**

## Röd flugsvamp

*Amanita muscaria*



היטל 25-10 צ״מ. די קאָליר פֿונעם היטל קען גיין פֿון שטאַרק רויט ביז אַ בלייכער געלבלעך־רויט. די פֿלעקן זענען ווײַסע. דאָס פֿיסל האָט אַ דיקן רינג און דער אונטערשטער טייל פֿונעם פֿיסל איז געשוואָלן. וואַקסט אין בלעטער־ און נאָדל־וועלדער.

## Brun flugsvamp

*Amanita muscaria var. regalis*



די גרייס פֿונעם היטל, וואָס איז צווישן ברוין און געלבלעך־ברוין, איז 20-10 צ״מ, און עס האָט ווײַס־געלע פֿלעקן. דאָס פֿיסל האָט אַ קענטיקן רינג און דער אונטערשטער טייל פֿונעם פֿיסל איז געשוואָלן. וואַקסט אין נאָדלוועלדער.

## Panterflugsvamp

*Amanita pantherina*



דאָס היטל איז גרויס 12-5 צ״מ און קען זײַן פֿון פֿאַרשיידענע ניואַנסן פֿון ברוין. די פֿלעקן זענען ווײַסע, דאָס פֿיסל קען אַ מאָל זײַן אָן אַ רינג. דער אונטערשטער טייל פֿונעם פֿיסל איז געשוואָלן. וואַקסט געוויינטלעך אין בלעטערוועלדער און אין פּאַרקן, נאָר קען זיך טרעפֿן אַ מאָל אויך אין נאָדלוועלדער.

### ווירקונג פֿונעם גיפֿט און סימפּטאָמען

די אַלע סאָרטן שוועמלעך אַנטהאַלטן אַ גיפֿט וואָס שעדיקט דער נערוון־סיסטעם. עס קענען זיך באַווײַזן באַטויבטקייט, צעמישונג, אָפּגעשוואַכט באַוווּסטזײַן, און קראַמפּן. צו מאָל אויך נישט־גוטקייט און אויסברעכן.

### ווי קענט איר זיך דערוויסן מער וועגן שוועמלעך?

- פּרוּווט אָנטייל נעמען אין אַ קורס אָדער אין אַ שפּאַציר וועגן שוועמלעך. עס זענען אויך פֿאַראַן שטודיר־גרופּעס און פֿאַראיינען וואָס אָרגאַניזירן אַזעלע אונטערנעמונגען.
- גוטע היימזײַטלעך: www.svampkonsulent.se
www.svampguiden.com

פֿאָטאָגראַפֿיע און אויסשטעל: Michael Krikorev

די בראָשור איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך Giftinformationscentralen צוזאמען מיט Svampkonsulenternas riksförbund

## Toppig giftspindling
*Cortinarius rubellus (C. speciosissimus)*



דאָס היטל איז 8-4 צ״מ. דאָס גאַנצע שוועמל איז רויטלעך־ברוין ביז געלבלעך־ברוין. אָפּט מאָל איז דאָס היטל פֿאַרשפּיצט, נאָר נישט שטענדיק. וואַקסט אין נאָדלוועלדער מיט מאָך און אין בוקנוועלדער. אַן ענלעכער מין וואָס אַנטהאַלט דעם זעלבן גיפּט איז (*C. orellanus*). דאָס וואַקסט אין בלעטערוועלדער מיט דעמבעס, בוקעס און האָזנניסל־ביימער.

**ווירקונג פֿונעם גיפּט און סימפּטאָמען**

דער גיפּט שעדיקט די נירן, וואָס קענען דערפֿון קאַליע ווערן אין גאַנצן. די סימנים פֿון פֿאַרגיפֿטונג באַווײַזן זיך ערשט נאָך עטלעכע טעג. דאָס קענען זײַן אַ באַזונדערס שטאַרקער דאָרשט, מוסקלען־ווייטיקן, אַן אומגעוויינטלעך גרויס אָדער קליין כּמות השתּנה. אַ פֿאַרגיפֿטער קער באַדאַרפֿן אַ לאַנג־טערמיניקע דיאַליז־באַהאַנדלונג, און אפֿשר אויך אַ נירן־איבערפֿלאַנצונג.

## Stenmurkla
*Gyromitra esculenta*



Gyromitra esculenta געהערט צו אין גאַנצן אַן אַנדער גרופּע שוועמלעך. דאָס היטל איז גרויס 12-4 צ״מ, ברוין, קײַלעכיק און געקוואַליעט. די קאָליר פֿונעם פֿיסל וואַרייִרט צווישן העל גרוי, ברוין און העל פֿיאָלעט. וואַקסט אין פֿרילינג צווישן אַפּריל און דער בליצײַט פֿון דער בעריאָזע, אָפּט פּאַזע סטעזשקעס אין וואַלד, בײַ די וואָרצלען פֿון אויסגעריסענע אָדער אָפּגעהאַקטע ביימער.

**ווירקונג פֿונעם גיפּט און סימפּטאָמען**

דער גיפּט שטערט דער נערוון־סיסטעם און קען אויך שעדיקן די בלוט־קעמערלעך און דער לעבער. די סימפּטאָמען פֿון פֿאַרגיפֿטונג זענען באַטויבטקייט, פֿאַרטאָפּלטע ריאה, צעקראָכענע רייד. עס קענען זיך אויך באַווײַזן נישט־גוטקייט און בויכווייטיק.

## Vit flugsvamp
*Amanita virosa*



דאָס גאַנצע שוועמל איז ווײַס. די גרויס פֿונעם היטל איז 12-5 צ״מ. דאָס פֿיסל האָט אַ רינג, נאָר אַ מאָל איז דער רינג נישטאָ. ווען אַזאַ שוועמל איז זייער יונג איז עס ענלעך צו אַן איי. דער אונטערשטער טייל פֿונעם פֿיסל, וואָס שטעקט אָפּט מאָל טיף אין מאָך, איז געשוואָלן. וואַקסט אין נאָדלוועלדער מיט מאָך אָדער אין בוקנוועלדער.

**ווירקונג פֿונעם גיפּט און סימפּטאָמען**

דער גיפּט איז שעדלעך פֿאַר דער לעבער. די סימפּטאָמען פֿון פֿאַרגיפֿטונג זענען אַ שיטערער שילשול, נישט־גוטקייט און איבערברעכעניש, וואָס באַווײַזן זיך לאַנגע שעהען נאָכן עסן דאָס שוועמל. די סכּנה פֿון אַן ערנצטן שאָדן אין לעבער איז גרויס. די פֿאַרגיפֿטונג קען דערפֿירן צום טויט.

## Lömsk flugsvamp
*Amanita phalloides*



דאָס היטל איז 12-5 צ״מ. די קאָליר פֿונעם היטל קען וואַרייִרן צווישן כּמעט ווײַס ביז צו גרינלעכע, גרויע אָדער ברוינע ניואַנסן. די דיסקלעך זענען ווײַס. דאָס פֿיסל האָט אַ דינעם רינג, וואָס קען זיך אַ מאָל נישט באַווײַזן. דער אונטערשטער טייל פֿונעם פֿיסל איז געשוואָלן. וואַקסט אין בלעטערוועלדער, געמישטע וועלדער (ווּ עס וואַקסן בלעטערביימער און נאָדלביימער צוזאַמען) און פֿעלדער מיט בוקעס, דעמבעס און האָזנניסל־ביימער.

**ווירקונג פֿונעם גיפּט און סימפּטאָמען**

אַנטהאַלט דעם זעלבן גיפּט ווי די Amanita virosa. רופֿט אַרויס די זעלבע סימפּטאָמען און איז פּונקט אַזוי געפֿערלעך – זע אויבן!